


פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org



פרשת כי תשא, י"ט אדר תשס"ז
גליון 3, מספר 18


# פרשת כי תשא




## ונפלינו אני ועמך

**כי מצאתי חן בעיניך גו' ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה** - איך האב געפונען חן אין דיינע אויגן, איך און דיין פאלק זאלן זיין אפגעשיידט פון אלע פעלקער וואס זיינען אויף דער וועלט.

דער אינהאלט פון דעם פסוק איז: משה רבינו - דער וואס האט מקבל געווען די תורה פון אויבערשטן פאר אלע אידן פון אלע דורות און פאר אלע צייטן - בעט ביים אויבערשטן, און האט אויסגעפירט, אז דער אידישער פאלק זאל זיין אפגעשיידט פון אלע פעלקער וועלכע זיינען אויף דער ערד.

די אפלערנונג דערפון פאר אידישע קינדער:

א איד דארף וויסן, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס עס זיינען פאראן א סך פעלקער אויף דער וועלט, "כל העם אשר על פני האדמה", פונדעסטוועגן, זיינען אידן אינגאנצן אפגעטיילט און אפגעשיידט פון זיי. ביז אז יעדער איינצלהייט פון אידישן לעבנסשטייגער איז אנדערש און אפגעטיילט פון ניט - אידן, להבדיל.

צום ביישפיל: ווען א איד וויל עפעס עסן אדער טרינקען, אפילו ווען דאס איז בלויז א טרונק וואסער, איז צום אלעם ערשטן דארף ער מאכן א ברכה "שהכל נהי' בדברו", אז ער אנערקענט אז אלץ ("הכל"), די הימלען מיט דער ערד וכל צבאיהם, זיינען באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטנ'ס רייד ("דברו"), און ערשט דערנאך קען ער טרינקען די וואסער (אדער פארזוכן דעם מאכל).

און טראץ דעם וואס אידן זיינען פאנאנדערגעשפרייט צווישן די פעלקער, "מפוזר ומפורד בין העמים", ווערט מען אינגאנצן ניט נתפעל פון זיי, וויסנדיק אז דער אויבערשטער האט אויפגעהויבן אידן אין אן אופן פון "ונפלינו", און זיי געגעבן אלע נויטיקע כוחות אז זיי זאלן קענען פירן א אידישן לעבן לויט תורה און אירע מצוות ווי א איד דארף לעבן און מיט שמחה וטוב לבב.

און דורך דעם וואס אידן פירן זיך אויף אין אן אופן פון "ונפלינו", אפגעטיילט און אנדערש פון אלע פעלקער, און ווען מען זעט א אידן וואס ווייס ניט דערפון, נעמט מען אויף זיך די שליחות צו אויפקלערן אים די אנדערשקייט פון עם ישראל,

ווערט אויפגעטאן (ווי עס שטייט אין אנהויב פסוק) "מצאתי חן בעיניך": מען געפינט "חן" אין די אויגן פון דעם "קאמענדער - אין - טשיף-" פון "צבאות השם", דער בורא האדם ומנהיגו, זעענדיק ווי אידן פירן זיך אין אן אופן פון "ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה".

און נאך מער: ניט נאר וואס די פעלקער ארום שטערן ניט אידן, נאר פארקערט, זיי גיבן אידן כבו און "יקר" פאר דעם וואס אידן פירן זיך אויף א אידישן אופן.

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער, ט"ז אדר תשמ"ג, י"ב אדר תשמ"ה)*

טייערע קינדער שלוחים, שיחיו

איך בין ניט זיכער אז איר וועט קענען ליינען און פארשטיין דעם וואק'ס צייטונג, ווייל איר זייט אלע נאך מסתמא שיכור מיט פרייד פון פורים!

דער אמת איז אז אויב די שמחה פון חודש אדר הויבט זיך אן פון ראש חודש אדר, און ציט זיך העכער יעדן טאג, קומט אויס, אז די טעג נאך פורים דארף מען זיין נאך מער בשמחה ווי אויף פורים אליין!

שמחה איז דאך אלעמאל א גוטע זאך! ווען מען איז בשמחה איז עס גרינגער טאן א טובה נאך א איד, און גרינגער דינען דעם אויבערשטן. דערפאר שטייט אז מען זאל זיין "תמיד בשמחה!"

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אז מיט אונזער שמחה זאל דאס שוין פורץ זיין די גדרים פון גלות, און מען וועט שוין האבן די שמחה פון די גאולה נאו!

א. וועכטער

# דער חסידיש'ער לוח

## כ"ה אדר



### יום הולדת פון רביצין חי' מושקא

רביצין חי' מושקא איז געווען א בת מלך. ווי ס'איז באקאנט וועגן איר אויפפירונג פון "כל כבודה בת מלך פנימה."

די רביצין איז געבארן געווארן שבת קדש כ"ה אדר תרס"א אין דער שטאט באבינאוויטש - א שטאט נאענט צו ליובאוויטש – צו דעם פריערדיקען רבי'ן און זיין רביצין.

גלייך נאך שבת, האט דער פריערדיקער רבי געשיקט א טעלעגראם צו זיין הייליקען פאטער - דער רבי רש"ב (וועלכער איז דאן געווען אין אן אנדערן פלאץ צוליב זיין געזונט) אז עס איז ביי זיי געבארן געווארן א מיידל.

דער רבי מורנו הרש"ב האט גלייך צוריקגעשיקט א טעלעגראמע שרייבנדיק אז אויב מען האט איר נאך ניט געגעבן א נאמען, זאל מען איר א נאמען געבן **חי' מושקא** נאך דער רביצין פון דעם צמח צדק.

*(פאר דער חתונה פון דעם רבי'ן מיט דער רביצין חי' מושקא האט הרב החסיד הרב הגאון ר' לוי יצחק - דער פאטער פון דעם רבי'ן– זיי אנגעוואונטשען אז זיי זאלן זיין געבענטשט ווי די צדיקים נאך וועמען זיי האבן זייערע נעמען - דער צמח צדק און זיין רביצין חי' מושקא.)*

נאכדעם ווי דער רבי מורנו הרש"ב האט געהערט אז מען האט איר געגעבן דעם נאמען חי' מושקא, האט דער רבי רש"ב געשיקט א ספעציעלן מזל טוב – טעלעגראמע "אז דער אויבערשטער זאל איר שיקן לאנגע זיסע יארן ברוחניות ובגשמיות, און מיר זאלן אלע האבן אסאך נחת פון איר..."

פון קינדווייז אן האט די רביצין זיך אנגעזאפט מיט אסאך קדושה פון איר זיידענס און טאטענס שטוב. רביצין חי' מושקא איז טאקע געווען אן אמת'ע קעניגן.

כ"ה אדר תשמ"ח, עטוואס מער פון א חודש נאך דער הסתלקות פון דער רביצין, האט דער רבי געזאגט א שיחה וועגן יום הולדת, און ערקלערט די מנהגים וואס מען זאל טאן אויף א יום הולדת.

# גוואוסט האסטו?

דעם שבת לייענט מען פרשת פרה אין שוהל. פרשת פרה איז די דריטע פון די פיר ספעציעלע פרשיות וואס מען לייענט פאר פסח. די פרשה רעדט זיך וועגן די מצוה פון פרה אדומה.

דעם אש פון די פרה איז אויסגעמישט געווארן מיט וואסער פון א לעבעדיקע קוואל, און אנגעשפריצט געווארן אויף איינער וואס איז געווארן טמא. דאס האט אים געמאכט טהור נאכאמאל.

דער רמב"ם שרייבט, "ניין מאל האט מען געמאכט א פרה אדומה פון די צייט ווען די אידן זיינען אנגעזאגט געווארן וועגן די מצוה, ביז ביז דער צווייטע בית המקדש איז חרוב געווארן. דער צענטער פרה וועט צוגעגרייט ווערן דורך משיח צדקינו זאל ער נתגלה ווערן, אמן כן יהי רצון."

*פון דעם וואס דער רמב"ם זאגט 'מהרה יגלה אמן כן יהי רצון' אין מיטן די הלכה, לערנען מיר א געוואלדיקע הוראה: אין אלץ וואס מען טוט און לערנט, מוז מען אלעמאל ווארטן און בעטן אויף משיח.*

מיר לייענען וועגן די פרה אדומה פאר פסח, אונז צו דערמאנען אז מיר מוזן זיין טהור איידער מען ברענגט דעם קרבן פסח.




אין א פארברענגן פון פורים תשמ"ב האט דער רבי געזאגט, אז ווען מען רעדט מיט א קינד, און אפילו א "קינד" מיט א ווייסע בארד, זאל מען אים זאגן אז ווען מען דערציילט אים אז דער אויבערשטער שטייט אויף אים, מיינט מען אים אליין.

"און דעריבער, קען יעדער איד טראכטן איין גוטע מחשבה, און אזוי ברענגן משיח צדקנו, יעצט ממש מוצאי פורים אין 770 איסטערן פארקוויי– אזוי פסק'נט דער רמב"ם(אז דורך איין מעשה קען מען איבערקערן די וועלט צו די זייט פון זכות, און ברענגן משיח). און נאכמער אויב מען טראכט צוויי אדער דריי גוטע מחשבות, און מען רעדט גוטע זאכן און מען טוט גוטע מעשים קען מען זיכער גלייך ברענגן משיח!"

*זאל עס שוין טאקע זיין יעצט!*

# דערציילט מיר א מעשה

## א מעשה פון אמונה

*דאס איז אן אמת'ע מעשה וועגן די בטחון פון א חסיד'ישע פרוי - רביצין גרליק.*

די מעשה איז געטראפן ווען רביצין גרליק האט געלעבט אין א שול מיט אירע זעקס קינדער. זיי האבן ניט אלעמאל געלעבט אין א שול. זיי פלעגן דינגען א שטוב, ביז די קאמוניסטן ימ"ש האבן געמאכט א נייע געזעץ. זיי האבן געזאגט אז יעדער מענטש וואס וועט ארבעטן, וועט באקומען א צימער צו לעבן. ווען זיי האבן געזאגט אז מען דארף ארבעטן, האבן זיי אויך אריינגענומען אין חשבון ארבעטן אויף שבת ר"ל.

רב גרליק איז זיכער ניט געווען גרייט ארבעטן אויף שבת, און מען האט אים געזאגט אז אויב ער ארבעט ניט וועט ער ניט האבן וואו צו לעבן. עס איז טאקע אנגעקומען די טאג, ווען די משפחה, פינף קינדער און איין אויפן וועג קע"ה, האט מען ארויסגעווארפן אויפן גאס אין מיטן פון די קאלטע רוסישע ווינטער.

הרב גרליק האט געדונגען א פערד, און האט גענומען די משפחה מיט אלע זייערע זאכן צו די שוהל. געוויסע מענטשן פון שטאט זיינען ניט געווען אזוי צופרידן, און עס האט ניט גענומען לאנג ביז די שול איז פארשלאסן געווארן פאר דאוונען, און מען האט גענומען הרב גרליק אין תפיסה. די משפחה איז געבליבן לעבן אין שול, אבער רביצין גרליק האט שוין קיינמאל ניט געהערט פון איר מאן נאכאמאל.

עס איז געווען נאך א פרוי וואס האט געלעבט אין אן אנדערע חלק פון די שול. רביצין גרליק האט געטראכט פון אן עצה וויאזוי זיי קענען ביידע מאכן א ביסל געלט פאר זייער משפחות. זי האט געטראכט צו פלאנצן קארטאפל,און אזוי אריינברענגען א ביסל געלט.

זיי האבן געפונען איינער וואס ער איז געווען גרייט ארבעטן די פעלד, אבער ער האט געבעטן אויף דעם 50 רובל. די פרויען האבן ניט געהאט אזוי פיל געלט, אבער רביצין גרליק איז געווען זיכער אז "דער אויבערשטער וועט העלפן." זי האט גענומען דער מענטש און איז געווען זיכער אז די געלט וועט קומען.

דער ערשטע נס איז געשען אויפן דריטן טאג, ווען דער מענטש האט כמעט געענדיקט און האט געדארפט באקומען געלט. פונקט יענע טאג איז א מענטש אריינגעקומען אין שול. "איך בין א פריינט פון דיין מאן. ווען מיין פריינט האט געהערט אז מען האט גענומען דיין מאן, האט ער מיר געגעבן 50 רובל דיר געבן!"

רביצין גרליק האט אים זייער געדאנקט, און האט געבעטן דעם אדרעס פון דער וואס האט געשיקט די געלט. ווען זי איז געגאנגן דארט צו דאנקן דער מענטש, האט זי אים ניט געפונען. קיינער האט ניט געוואוסט פון אזא מענטש!

דער צווייטער נס איז געווען מיט די קארטאפל אליין. ווען די קארטאפל האבן אנגעהויבן וואקסן, האט מען זיי געדארפט זייער היטן, ווייל אויב איינער האט אויף זיי געטרעט, וואלטן זיי געשטארבן.

אין יענע צייט זיינען געקומען גויים וואס האבן צוריסן די ספרים פון שול. רביצין גרליק האט באשלאסן אז זי וועט ארויסנעמען די ספרים פון שול און לייגן זיי אין א פלאץ וואו מען וועט עס ניט געפונען. זי האט ניט געוואלט אז מענטשן זאלן זען, האט זי באשלאסן ארויסנעמען די ספרים דורך א פענסטער אין צווייטע זייט פון שול. די איינציגע וועג ארויסגיין אזוי פון שול, איז געווען דורך טרעטן אויף איר קארטאפל.

די צווייטע פרוי האט ניט געוואלט אז מען זאל טרעטן אויף איר קארטאפל, האט זי געביטן איר חלק מיט רביצין גרליקס, אז די פלאץ וואו זי טרעט זאל זיין איר אייגענע. "וואס וועסטו געבן דיינע קינדער עסן?" האט זי געפרעגט. "דער אויבערשטער וועט העלפן," האט זי געענטפערט.

נאכט נאך נאכט האבן אירע קינדער גענומען ספרים און האבן זיי געבראכט דורך די פעלד צו א שטוב וואו זיי זיינען געווען מער פארזיכערט. דורך די צייט האט מען יעדער נאכט געטראטן אויף די קארטאפל. ווען מען האט אויפגעגראבן די קארטאפל האט מען געזען אז עס איז געשען א נס. דווקא אין די פלאץ וואו די קינדער האבן געטראטן צו ראטעווען די ספרים, זיינען געווען די גרעסטע קארטאפל!

רביצין גרליק מיט איר גרויסע אמונה איז ארויסגעגאנגען פון רוסלאנד, און האט זוכה געווען צו אויפשטעלן א גרויסע חסידי'שע משפחה מיט שלוחים איבער די גאנצע וועלט!

(איבערגעזעצט פון *די לחיים!*)

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
**בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
**נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה**

**נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו**

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת כי תשא

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אפיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

דא זיינען באהאלטן די צען מנהגי יום הולדת. קענסטו זיי געפינען?

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ו | ו | ט | מ | א | מ | ר | א | ר | ק |
| א | ה | ב | ת | י | ש | ר | א | ל | ן |
| ש | ש | פ | ס | ת | ה | ל | י | ס | ס |
| ה | ך | ל | ת | ח | י | ע | כ | ג | ד |
| ח | ש | ב | ו | ן | ה | נ | פ | ש | ף |
| י | צ | מ | ר | נ | ח | ה | ב | ס | ז |
| י | ט | א | ה | ר | ל | ק | ץ | ת | צ |
| נ | ג | ד | ש | פ | ט | ס | ן | ו | ד |
| ו | ח | ע | ל | י | ה | י | ע | כ | ק |
| ב | ז | ף | ך | ל | כ | ו | ו | נ | ה |

- חשבון הנפש
- החלטה
- שהחיינו
- מאמר
- עלי"ה
- צדקה
- כוונה
- תהלים
- תורה
- אהבת ישראל

הצלחה רבה

נאמען: ____________________ ווי אלט: ______

אדרעס: ______________________________

______________________________

אימייל: ____________________